# ס׳געוויין פון הונגעריקע קינדער

— טאַטע, ברויט!
— מאַמע, עסן!
מיר האָבן אַלץ געטון שוין, אַלץ —
דעם הונגער צו פאַרגעסן;
מיר האָבן זיך שוין אויסגעשפּילט אין אַלע שפּילערייען,
און ער לאָזט זיך נישט פאַרשפּילן;
מיר האָבן אַלע דאַרע שטיקלעך
לאַנג און גוט געפּרוּווט צעקייען,
און מיר קאָנען אים נישט שטילן
און פאַרשלאָגן;
מיר האָבן שוין די פינגער ביז די ביינדלעך אויסגענאָגט
און — ס׳הערט נישט אויף צו נאָגן;
מיר האָבן מיטן הונגער שוין געפּרוּווט
זיך לייגן שלאָפן —
לאָזן זיך די אויגן־לעפּלעך נישט פאַרמאַכן, —
ליגן מיר אַזוי, די אויגן אָפן,
שלאָפן אומרויקע,

ווי מיר וואָלטן וואַכן,
חלומט אונז: אַ שטויב — אַ קבר,
ס'לויפן מייז פון ליידיק קאַלטע טעפּ,
אין מיטן שטויב — פיר ברענענדיקע ליכט,
אויף דער ערד — צוויי טויטע,
נעבן זיי —מיט גרויסע קעפּ
און פּיסלעך אויסגעדרייטע —
וויינען קינדער,
רייסן פון זיי טויטערהייט
און בעטן מיט די לעצטע כוחות:
— מאַמע, עסן!
— טאַטע, ברויט!..